**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 15 מיליאן דאלארדיגע אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט אין ניאגרא פאָלס**

***איבערבויאונג פון היסטארישע Sacred Heart סקול, רעקטארי און קאנוועגט געביידעס ברענגט 39 אפאָרדעבעל אפארטמענטס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די קאנסטרוקציע פון True Bethel Commons, א 15 מיליאן דאלארדיגע איבערגעבויטע דעוועלאפמענט פון די ליידיגע געוועזענע היסטארישע Sacred Heart סקול, רעקטארי און קאנוועגט געביידעס אויף South Avenue, צושטעלנדיג 39 אפאָרדעבעל אפארטמענטס אין ניאגרא פאָלס, איז יעצט פארטיג.

"עס גיבט אזויפיל סיפוק צו זעהן היסטארישע פלעצער אין לאקאלע געגנטער, ווי די Sacred Heart, באקומענדיג א באנייטע צוועק אלץ אפאָרדעבעל הייזער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די טראנספארמאציע דינט אלץ ביישפיל פון וויאזוי שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן קענען ארבעטן צוזאמען פאר די בענעפיט פון ניו יארק'ס קאמיוניטיס און אויפבויען נייע פלעצער פאר מענטשן צו וואוינען און אויפשטעלן א פאמיליע."

אפארטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income). אכט אפארטמענטס וועלן זיין פולשטענדיג צוגענגליך און צוגעפאסט פאר מענטשן מיט אייגנארטיגע פיזישע געברויכן. די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס וועט צושטעלן 24 פראיעקט-באזירטע 'סעקשען 8' האוזינג טשויס וואָוטשערס פאר איינוואוינער.

די Sacred Heart קאמפלעקס אין ניאגרא פאָלס וואס גייט צוריק צו די 1850'ער יארן און וואס איז אויסגעבריייטערט געווארן עטליכע מאל געפונט זיך אויף די סטעיט און פעדעראלע ליסטע פון היסטארישע ערטער. די דעזיין ביים איבערבויען די געביידעס האט געהיטן אויף די כאראקטער פון די געביידעס, ארייננרעכענענדיג דאס איבערלאזן די ברייטע סקול קארידארן, 'טעראַזאָו' טיילס, 'טרענסאם' פענסטער, האלץ ווערק און קאלירטע גלאזערנע פענסטערס, און אזוי אויך דאס איבערפרישן א גרויסע חלק פון די ספארטס צימער.

די דעוועלאפמענט קומט נאך די פאדערונגען צו ווערן פארערכנט צווישן Enterprise Green Communities, און אלע אפארטמענטס האבן ענערגיע-שפארזאמע גאז רעינדזשעס און אויווענס, פרידזשידעירס און באלייכטונג. געביידע איינריכטונגען רעכענען אריין א קאמיוניטי צימער מיט א קיך, א שפילארט, סטארעדזש פאר ביציקלעך, א קאמפיוטער צימער און צימערן צו וואשן וועש אין יעדע געביידע.

True Bethel Commons געפונט זיך נעבן סקולס, העלט קעיר פלעצער, לאקאלע רעגירונג סערוויסעס, ריטעיל געשעפטן, גראסערי געשעפטן, פארמאסיס און פובליק פארקס. די לאקאציע אויף South Avenue גיבט אויך דירעקטע צוטריט צו מערערע פובליק טראנספארטאציע רוּטס.

Belmont Housing Resources for WNY, Inc. איז די דעוועלאפּער בשותפות מיט True Community Development Corporation.

ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) האט געשאנקען 8 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 2.4 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס. אין צוגאב ערווארט דער פראיעקט צו באקומען 2.4 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע- און 2.4 מיליאן דאלאר אין סטעיט היסטארישע איבערבויאונג טעקס קרעדיטס. די 'פעדעראלע היים הלוואות באנק פון ניו יארק' (Federal Home Loan Bank of New York) האט צוגעשטעלט $390,000 דורך Evans Bank, און די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס האט בייגעשטייערט $50,000 אין קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאק גרענט געלטער פאר די קאסטן פון דעוועלאפמענט.

**האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "True Bethel Commons לייגט צו 39 הערליכע, אייגנארטיגע אפאָרדעבעל היימער, און עס וועט אריינבלאזן א נייע גייסט פון לעבן אין Sacred Heart און ערלויבן די פראפערטי צו פארזעצן צו באדינען דורות פון פאמיליעס. מיינע וואונטשן פאר Belmont Housing, פאר True Bethel Baptist Church און פאר די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס פאר זייערע ברייטהארציגע און צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען צו פלאנירן, פינאנצירן און – דורכאויס די ערגסטע צייטן פון די פאנדעמיע – צו פארענדיגן די ארטיגע דעוועלאפמענט."

זינט 2017, האט HCR צוגעזאגט מער פון 535 מיליאן דאלאר אין מיטלען צו פינאנצירן 52 אפארטמענט געביידע דעוועלאפמענטס, פאר א סך הכל דעוועלאפמענט קאסט פון 1.3 ביליאן דאלאר און 4,900 אפאָרדעבעל אפארטמענטס אריבער די מערב ניו יארק ראיאן.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) קאמישאנער, עריק קוּלעסעיד, האט געזאגט,** "פראיעקטן וועלכע בויען איבער אמאליגע געביידעס צו איבערגענוצט ווערן, ווי True Bethel Commons, העלפן ארויסווייזן אונזער מעגליכקייט אלץ ניו יארקער צו ברענגען אמביציעזע פראיעקטן צו ווערן א מציאות דורך שעפערישע אינוועסטירונגען אין אונזער עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור. דורכן אויסנוצן פעדעראלע און סטעיט היסטארישע טעקס קרעדיטס און איבערמאכן א געביידע וואס איז בעפאר דעם געשטאנען ליידיג אין די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס, וועט דער צוזאמענארבעטנדער פראיעקט נישט נאר צושטעלן די גאר-נויטיגע אפאָרדעבעל הייזער נאר עס איז אויך אן אינוועסטירונג צוריק אריין אין די קאמיוניטי. עס פריידט אונז צו קענען האבן א חלק אין אזעלכע באמיאונגען.״

ניו יארק סטעיט זעצט ווייטער פאר צו פירן דעם לאנד ווען עס קומט צו אויסנוצן היסטארישע טעקס קרעדיטס, מיט 4.5 ביליאן דאלאר אין סך הכל איבערבויאונג קאסטן פון 2017-2021. זייט 2011, האט די היסטארישע שטייער קרעדיט פראגראם אריינגעברענגט איבער $12 ביליאן אין פראיעקט אויסגאבן אין ניו יארק סטעיט, שאפנדיג באדייטנדע אינוועסטירונג און נייע דזשאבס. לויט א באריכט, האבן צווישן 2017-2021 די קרעדיטס אין ניו יארק סטעיט געשאפן 69,769 דזשאבס און אויפגעטריבן איבער 1.3 ביליאן דאלאר אין לאקאלע, סטעיט, און פעדעראלע טעקסעס.

די סטעיט און נאציאנאלע ליסטעס פון רעגיסטרירטע היסטארישע פלעצער זענען די אפיציעלע ליסטעס פון געביידעס, סטרוקטורן, דיסטריקטס, לאנדשאפטן, חפצים און שטחים וועלכע האבן א טיפערע באדייט

אין די היסטאריע, ארכיטעקטור, ארכעאלאגיע און קולטור פון ניו יארק סטעיט און פון דאס לאנד. עס זענען פארהאן מער ווי 120,000 היסטארישע פראפערטיס לענגאויס דעם סטעיט איינגעשריבן אויף דער נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער, אינדיווידיועל אדער אלס שטאנדטיילן פון היסטארישע דיסטריקטן. פראפערטי אייגנטימער, לאקאלע רעגירונגען און ארגאניזאציעס פון קאמיוניטיס אריבער די סטעיט זענען די וועלכע מאכן די נאמינאציעס צו אריינגלייגט ווערן אין די ליסטעס.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדער ניאגרא פאָלס איינוואוינער צו קענען באקומען זיכערע און אפאָרדעבעל הייזער, און איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט האט צוגעשטעלט די מיליאנען וועלכע האבן אויסגעפעהלט צו פארוואנדלען די ליידיגע סקול, רעקטארי און קאנווענט געביידעס צו ווערן צענדליגע נייע אפאָרדעבעל, צוגענגליכע אפארטמענטס פאר איינוואוינער און פאמיליעס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אריבער די גאנצע עמפייער סטעיט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו אהערשטעלן די פעדעראלע מיטלען צו גיסן די יסוד פאר א לעבטיגערע צוקונפט פאר מערב ניו יארק."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "True Bethel Commons איז א געוואלדיגעביישפיל פון וויאזוי פעדעראלע דעוועלאפמענט פראגראמען און טעקס קרעדיטס קענען אויסגענוצט ווערן אויף א ווירקזאמן פארנעם צו אויפלעבן און נאכקומען די באדערפענישן פון ניאגרא פאָלס און מערב ניו יארק. ערמעגליכט דורך פעדעראלע היסטארישע טעקס קרעדיטס, נידעריגע-איינקונפט טעקס קרעדיטס, קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאק פינאנצירונג און א גרענט פון די פעדעראלע היים הלוואות באנק — פילט דער פראיעקט – אנגעפירט דורך True Community Development and Belmont Housing – אן א דרינגנדע נויט פאר אפאָרדעבעל הייזער בשעת'ן אויפבויען א נייע קאמיוניטי אין די פלאץ וואס פלעגט זיין א קאמפוס פון אן אלטע קירכע."

**סטעיט סענאטאר ראַב אָרט האט געזאגט,** "אזוי ווי אונזער סטעיט זעצט פאר זיך צו פארמעסטן מיט א כסדר-וואקסנדע האוזינג קריזיס, וועלן די נייע אפאָרדעבעל אפארטמענטס האבן א באלדיגע השפעה אויף אונזער קאמיוניטי. ווען איך האב זיך באטייליגט ביי די 'הנחת אבן הפינה' פון דעם פראיעקט, האבן אלע אונזערע שותפים געוואוסט אז עס וועט פאדערן אנטשלאסנקייט און א ווייטע בליק צו אנקומען צו אן ערפאלגרייכע איבערבויאונג פון די פראפערטי. היינט בין איך שטאלץ מיט די ארבעט וואס איז פארענדיגט געווארן. איך וויל באדאנקען יעדן איינעם וואס איז געווען פארמישט ביים דאס מאכן געשעהן און די פירער וועלכע האבן געהאט די חזון צו איבערבויען די געוועזענע Sacred Heart קאמפוס, אונטערנעמנדיג די געוואלדיג-גרויסע אויפגאבע פון עס איבערמאכן צו ווערן מאדערנע, שפארזאמע און אפאָרדעבעל הייזער פון וועלכע מענטשן וועלן געניסן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין ענדזשעלאָו מארינעלאָו האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן פאר Belmont Housing Resources of WNY פאר די 'חנוכת הבית' פון True Bethel Commons. דער פראיעקט ווייזט ארויס וויאזוי אמביציע און צוזאמענארבעט קענען ברענגען אן עכטע פאזיטיווע טויש פאר א קאמיוניטי. איך וויל באדאנקען NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, NYS פארקס דעפארטמענט, די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס און אלע אנדערע שותפים פארן אויפבויען די 39 נייע גאר-נויטיגע היימער."

**פארטרעטער דזשעפרי עלדער פון די ניאגרא קאונטי לעגיסלאטור'ס 4'טע דיסטריקט, האט געזאגט,** "אפאָרדעבעל הייזער זענען נישט בלויז א יסודות'דיגע באדערפעניש, נאר אויך א קריטישע באשטאנדטייל ווען עס קומט צו פלעגן א בליהענדע קאמיוניטי. איך וויל אויסדרוקן מיינע טיפסטע דאנקען פאר די דעוועלאפערס, ארכיטעקטן, קאנטראקטארס און אלע אנדערע איבערגעגעבענע פראפעסיאנאלן וועלכע האבן געברענגט דעם פראיעקט צו פארענדיגט ווערן."

**מעיאר ראבערט רעסטאַינאָו האט געזאגט,** "די צוגאב פון True Bethel Commons צו אונזער קאמיוניטי ברענגט נאך געלעגנהייטן אלץ א מוסטער פאר צוקונפטיגע דעוועלאפמענט. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע ארבעט פון אלע אונזערע שותפים ביים פארענדיגן דעם פראיעקט."

**דזשעניס מעקיני, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון True CDC; בישאף דאריוס דזש. פרידזשען, TBBC; און גייסטליכער קרעג ד. פרידזשען פון TBBC-NF Campus, האבן געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו צושטעלן האוזינג פאר די איינוואוינער פון די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס, ניו יארק. עס איז אונזער אנגייענדע קאנצענטראציע און מיסיע צו פארזיכערן אז פאמיליעס און קאמיוניטיס קענען האבן א פלאץ צו רופן זייער היים."

**ברעד פאקארד, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון Belmont Housing Resources, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט צייכנט אפ נאך א טריט פאראויס אין די אויפלעבונג פון די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס. True Bethel Commons ברענגט נישט נאר אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט פאר ארטיגע איינוואוינער, נאר עס פרעזערווירט אויך באדייטפולע היסטארישע אוצרות פון אונזער קאמיוניטי. מיר ווילן באזונדערס באדאנקען אונזער דעוועלאפמענט שותף, True Community Development Corporation, פאר זייער ווייטע בליק און איבערגעגעבנקייט צו פאראויס רוקן דעם וויכטיגן פראיעקט. די אויפרעכטונג און אויפלעבונג פון די היסטארישע קאמפוס דינט אלץ עדות איבער וואס עס קען ערררייכט ווערן ווען לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע מיטלען ווערן אויסגענוצט פאר די געמיינזאמע ציהל פון צושטעלן אפאָרדעבעל הייזער. מיר באדאנקען אלע אונזערע פינאנצירונג שותפים וועלכע האבן געשפילט א קריטישע ראלע ביים פארזיכערן די הצלחה פון די דעוועלאפמענט און איסברייטערונג פון אונזער הויפט מיסיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן